גליון 294
ראה תשפ"ו

דעם רבינ'ס

# מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## דִי תְּפִילָּה פוּן צַדִּיק

**מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער בַּעַל תְּפִילָּה הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּנֶעם גִּבּוֹר אוּן אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען זַיין וֶועג. אִינְמִיטְן גֵיין הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֵייעֶן אוּן דַאוֶוענֶען מִיט תְּהִילִּימ'לֶעךְ אִין דִי הֶענְט, אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן זֵיי. זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ מוֹרָא גֶעהַאט פוּן אִים. שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וֶוער זֶענְט אִיר?" הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעוֶועלְט שְׁטֶענְדִיג עוֹסֵק צוּ זַיין אִין תְּפִילָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער. דֶער בַּעַל תְּפִילָּה אִיז זֵייעֶר צוּפְרִידְן גֶעוֶוען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, עֶר הָאט זֵיי מְגַלֶּה גֶעוֶוען זַיין סֵדֶר הַתְּפִילָּה אוּן זַיינֶע חִיבּוּרִים. גְלַייךְ הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען אַלְס זֵייעֶר קֶענִיג.**

**דֶער בַּעַל תְּפִילָּה הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי אוּן זֵיי בַּאלוֹיכְטְן, בִּיז עֶר הָאט זֵיי - דוּרְךְ זַיין גְרוֹיס קְדוּשָּׁה - אִיבֶּערְגֶעמַאכְט צוּ זַיין צַדִּיקִים גְּמוּרִים אוּן גָאר גְרוֹיסֶע לַייט!**

יֶעדֶע רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, וֶוען מְ'הָאט גֶעעֶנְדִיגְט פְּרִי לֶערְנֶען, הָאט יוּדְל גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע עֶר זָאל מִיטְגֵיין מִיט אִים דַאוֶוענֶען בַּיים קֶבֶר פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ. זַיין טַאטֶע הָאט אִים נָאכְגֶעגֶעבְּן זַיין בַּקָּשָׁה. יוּדְל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ שְׁטֶענְדֶער נֶעבְּן דֶעם קֶבֶר, אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַלֶע קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן 'יוֹם הַשַּׁבָּת'. וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט, הָאט עֶר צוּרִיק גֶעמִישְׁט צוּם אָנְהֵייבּ סֵפֶר אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל פוּן פְרִישׁ! זַיין טַאטֶע הָאט גֶעזֶען זַיין גְרוֹיסֶע דְבֵיקוּת בַּיים זָאגְן תְּהִילִּים אוּן הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְהַאקְן. עֶר הָאט אַלֵיין וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען בִּיז יוּדְל וֶועט וֶועלְן אַהֵיים גֵיין.

אָבֶּער יוּדְל הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט אֵיין קַאפִּיטְל נָאכְן צְוֵוייטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען אוּן עֶרְנְסְטְקַייט. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין טַאטֶע מִיט אַ בְּרֵייטְן שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים: "טַאטֶע, אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ תְּהִילִּים!"

קוּמֶענְדִיגְן טָאג הָאט עֶר מִיט הִתְלַהֲבוּת דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים אִין כִּתָּה וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען. דֶעם נֶעקְסְטְן חוֹדֶשׁ הָאבְּן שִׁימִי, יַעֲקֹב שְׁמוּאֵל, בֶּערְל אוּן אַבְרָהָם אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן מִיטְצוּקוּמֶען. זַיין טַאטֶע הָאט זִיכֶער גֶעמַאכְט צִי יֶעדֶער הָאט רְשׁוּת פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן צוּזַאמֶען זֶענֶען זֵיי גֶעפָארְן פוּן זֵייעֶר גֶעגְנְט צוּם צִיּוֹן פוּן נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל - דָוִד הַמֶּלֶךְ.

צוּזַאמֶען הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט קַאפִּיטְל נָאךְ קַאפִּיטְל, זִיךְ מְדַבֵּק גֶעוֶוען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַרַיינְצוּכַאפְּן הֵיילִיגֶע תְּפִילּוֹת. זֵיי הָאבְּן דֶערְנָאךְ אוֹיךְ אִין כִּתָּה גֶעדַאוֶוענְט שֵׁיין אוּן מִיט אַ הוֹיעֶכֶע שְׁטִימֶע, אוּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אַרַיינְצוּלֵייגְן אַלֶע כּוֹחוֹת אִין אַ רִיכְטִיגֶע תְּפִילָּה אוֹיף יֶעדְן עִנְיָן.

אֵיין מָאל הָאט יוּדְל'ס טַאטֶע גֶערֶעדְט צוּ זֵיי נָאכְן דַאוֶוענֶען אוּן גֶעזָאגְט: "אִיר ווִילְט זַיין אֱמֶתְ'ע בַּעֲלֵי תְּפִילָּה? גֵייט לֶערְנְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן צַדִּיק!"

אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעקוּקְט מִיט ווְאוּנְדֶער, זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט. וָואס הָאט דֶען אַ שַׁייכוּת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין תְּפִילָּה, מִיט לֶערְנֶען אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן צַדִּיק? דָאס זֶענֶען דָאךְ צְוֵויי אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערֶע זַאכְן?

אַבְרָהָם הָאט אֲפִילוּ צוּגֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל פַארְשֶׁעמְט: "עֶס קוּקְט אוֹיס ווִי אִיר הָאט נִישְׁט פוּנְקְטְלִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אוּנְזֶער כַּוָּונָה..."

דֶער טַאטֶע הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי חֲבֵרִים: "אִיךְ הָאבּ פוּנְקְטְלִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיר מֵיינְט. דַאוֶוענֶען אַלֵיין אִיז טַאקֶע גָאר גְרוֹיס, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק, עֶר הֶערְט אִים אוֹיס אוּן פָאלְגְט זַיינֶע וֶוערְטֶער, הָאט דָאס דִי כּוֹחַ אִים אוֹיפְצוּהֵייבְּן צוּ גָאר הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת. סְפֶּעצִיעֶל אִין דִי וֶועגְן פוּן דַאוֶוענֶען. וַוייל דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ זַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶועגְן, חִיבּוּרִים אוּן עִנְיָנִים, וָואס אוֹיבּ מִיר קְלֶעבְּן זִיךְ צוּ צוּ דֶעם, קֶען עֶר אוּנְז דֶערְמִיט מַאכְן פַאר אֱמֶתְ'ע צַדִּיקִים גְּמוּרִים! פּוּנְקְט ווִי דֶער בַּעַל תְּפִילָּה הָאט גֶענוּמֶען דִי גְרוּפֶּע וָואס הָאבְּן שׁוֹין סַיְיווִי גֶעדַאוֶוענְט, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעפִירְט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוּן דֶערְהוֹיבֶּענֶע וֶועגְן."



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה (12)

**און אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען** הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. סֶע זֶענֶען גִילֶעגִין דִי גִילְדֶענֶע הָאר פוּן דֶעם קִינְד. און אִיךְ הָאבּ פוּן זֵיי גָאר נִיט גִינוּמֶען. **און אִיךְ הָאבּ גְוואוּסְט אַז דָא אִיז בְּוַודְאַי** דָאס קִינְד נָאר סֶע נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען אִים צוּ זוּכִין און צוּ גִיפִינֶען. און אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. בִּין אִיךְ פִיר גִיגַאנְגֶען פַאר אַ יַם פוּן וַויין.

**הָאבּ אִיךְ גְוואוּסְט** אַז דֶער יַם אִיז בְּוַודְאַי גִיוָוארִין פוּן דִי רֵייד פוּן דֶעם מֵלִיץ. וָואס עֶר שְׁטֵייט און רֶעט תַּנְחוּמִין (דְהַיְינוּ טְרֵייסְט) פַאר דֶעם מֶלֶךְ און דִי מַלְכָּה. און דֶערְנָאךְ קֶערְט עֶר אוּם דָאס פָּנִים און רֶעט תַּנְחוּמִין צוּ דֶער בַּת מַלְכָּה. און פוּן דִי רֵייד אִיז גִיוָוארִין דֶער יַם פוּן וַויין. נָאר אִיךְ הָאבּ אִים נִיט גִיקָאנְט גִיפִינֶען. **און אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען.** הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן סֶע שְׁטֵייט אַ שְׁטֵיין וָואס אוֹיף אִים אִיז אוֹיס גִיקְרִיצְט אַזוֹי וִוי דִי יַד מִיט דִי שִׁירְטוּטִין (דְהַיְינוּ אַזוֹי וִוי דִי יַד מִיט אַלֶע קְרִיצִין וְכוּ' וָואס סֶע גִיוֶוען בַּאם מֶלֶךְ כַּנַּ"ל)

**הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען** אַז דָא אִיז בְּוַודְאַי דֶער חָכָם (פוּן דֶעם מֶלֶךְ) און דֶער חָכָם הָאט זִיךְ דָאס אוֹיסְגִיקְרִיצְט דָאס גִישְׁטַאלְט פוּן דֶער יַד אוֹיף דֶעם שְׁטֵיין. נָאר סֶע נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען אִים צוּ גִיפִינֶען. און אַזוֹי וַוייטֶער. בִּין אִיךְ גִיגַאנְגֶען.

**הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן** וִוי סֶע אִיז גִיוֶוען אוֹיסְגִישְׁטֶעלְט אוֹיף אַ בַּארְג דִי גִילְדִינֶע טִישְׁלִיךְ און דִי קְרֶידֶענְצִין און דִי אִיבְּרִיקֶע אוֹצְרוֹת פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא אִיז בְּוַודְאַי דֶער מְמוּנָּה עַל הָאוֹצְרוֹת פוּן דֶעם מֶלֶךְ. (דְהַיְינוּ דֶער וָואס אִיז גִיזֶעצְט אִיבֶּער אַלֶע אוֹצְרוֹת) **נָאר סֶע נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען אִים צוּ גִיפִינֶען** (דָאס הָאט אַלְץ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה דֶערְצֵיילְט דֶעם גִבּוֹר)

**עֶנְטְפֶערְט דֶער גִבּוֹר.** אִיךְ בִּין אוֹיךְ אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער דִי אַלֶע עֶרְטֶער. און אִיךְ הָאבּ יוֹא גִינוּמֶען פוּן דִי גִילְדִינֶע הָאר פוּן דֶעם קִינְד. וָוארִין אִיךְ הָאבּ גִינוּמֶען זִיבִּין הָאר וָואס זֵיי הָאבִּין אַלִירְלֵיי פַארְבִּין. **און זֵיי זֶענֶען בַּיי מִיר זֵייעֶר טַייעֶר.** און אִיךְ בִּין גִיזֶעסִין און הָאבּ מִיךְ מְחַיֶּה גִיוֶוען מִיט וָואס מִיגְלִיךְ אִיז מִיט גְרָאז און דֶעסְט גְלַייכִין בִּיז אִיךְ הָאבּ נִיט גִיהַאט קֵיין שׁוּם זַאךְ זִיךְ מְחַיֶּה צוּ זַיין. הָאבּ אִיךְ מִיךְ גִילָאזְט גֵיין וִוי הִין אִיךְ וֶועל גֵיין. און אַז אִיךְ בִּין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם אָרְט. הָאבּ אִיךְ פַארְגֶעסִין מַיין בּוֹיגִין דָארְט.

**עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.** אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן דֶעם בּוֹיגִין. הָאבּ אִיךְ גְוואוּסְט אַז דָאס אִיז בְּוַודְאַי דַיין בּוֹיגִין. נָאר אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גִיקֶענְט גִיפִינֶען.

**הָאט דֶער גִבּוֹר** וַוייטֶער דֶער צֵיילְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז וִוי אִיךְ בִּין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם אָרְט. בִּין אִיךְ אַזוֹי גִיגַאנְגֶען בִּיז אִיךְ הָאבּ בַּאגֶעגִינְט דִי מַחְנֶה הַנַּ"ל (דְהַיְינוּ דִי שְׁאָר פוּן דִי גִבּוֹרִים בַּעֲלֵי אֵבָרִים הַנַּ"ל) בִּין אִיךְ צְוִוישְׁן זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען. וָוארִין אִיךְ בִּין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיק גִיוֶוען. הָאבּ אִיךְ גִיוָואלְט עֶסִין. און תֵּיכֶּף וִוי אִיךְ בִּין אַרַיין גִיקוּמֶען צְוִוישְׁן זֵיי. **הָאבִּין זֵיי מִיךְ תֵּיכֶּף** אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ כַּנַּ"ל. און הַיְינְט גֵיי אִיךְ אָפְּנֶעמֶען דִי וֶועלְט. און מַיין כַּוָּונָה אִיז. טָאמֶער וֶועל אִיךְ קֶענֶען גִיפִינֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט הַנַּ"ל.

**הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה** אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסִין מִיט דֶעם גִבּוֹר וָואס טוּט מֶען מִיט דִי לַייט. דְהַיְינוּ מִיט דֶער מְדִינָה. וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיקוּמֶען אוֹיף אַזוֹינֶע ווִילְדֶע נַארִישְׁקֵייט. אַז דִי וָואס הָאבִּין אַסַאךְ גֶעלְט זֶענֶען בַּיי זֵיי גָאטִין. און אַזוֹי דִי אִיבְּרִיקֶע נַארִישְׁקֵייט וָואס דִי מְדִינָה הָאט.

**הָאט דֶער גִּבּוֹר גִּיעֶנְפֶערְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה.** אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קָאן מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען. דֶעם וָואס עֶר אִיז אַרַיין גִיפַאלְן אִין זֵיי. נָאר דֶער וָואס עֶר אִיז אַרַיין גִיפַאלְן אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. קָאן מֶען אִים נִיט אַרוֹיס נֶעמֶען דֶערְפוּן בְּשׁוּם אוֹפֶן. בְּכֵן וֶועסְטוּ בַּיי זֵיי גָאר נִיט פּוֹעֶלְן. **וָוארִין סֶע נִיט גִימָאלְט** אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען זֵיי דֶערְפוּן נָאר דוּרְךְ דֶעם וֶועג וָואס סֶע פַארְהַאנְדִין צוּ דֶער שְׁוֶוערְד הַנַּ"ל. וָואס פוּן דָארְט נֶעמְט עֶר זַיין גְבוּרָה כַּנַּ"ל. נָאר דוּרְךְ דֶעם וֶועג קָאן מֶען יוֹא אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. דֶעם וָואס עֶר אִיז דְרִינֶען אַרַיין גִיפַאלְן. (אַזוֹי הָאט עֶר גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ)

**אִיז דֶער גִּבּוֹר מִיט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה** אַוֶועק גִיזֶעסְן אַ צַייט אִין אֵיינֶעם. אוּן מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה הַנַּ"ל וָואס זֵיי הָאבִּין עֶס גִיבֶּעטְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אַז עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין צוּ דֶעם גִבּוֹר פוּן זֵייעֶרְט וֶועגְן. כַּנַּ"ל. **הָאבִּין זֵיי מַרְחִיב זְמַן גִיוֶוען.** דְהַיְינוּ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אַיינְגִיבֶּעטְן דֶעם גִבּוֹר אַז עֶר זָאל זֵיי גִיבִּין אַ צַייט (דְהַיְינוּ וָואס בִּיז אִין דֶער צַייט זָאל עֶר זֵיי גָאר נִיט טוּן) **הָאט עֶר זֵיי גִיגִיבְּן פְּרַיי אַ צַייט** דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים צְווִישְׁן זִיךְ. דְהַיְינוּ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִּבּוֹר הָאבִּין צְווִישְׁן זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים. כְּדֵי אֵיינֶער זָאל קֶענֶען הָאבִּין אַ יְדִיעָה פוּן דֶעם אַנְדֶערְן. דֶערְנָאךְ אִיז זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אִין זַיין וֶועג אַרַיין. **וִוי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה** אִיז אַזוֹי גִיגַאנְגֶען. הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אַז סֶע גֵייעֶן מֶענְשְׁן אוּן בֶּעטְן גָאט בָּרוּךְ הוּא. אוּן זֶענֶען מִתְפַּלֵּל. אוּן זֵיי טְרָאגִין סְפָרִים פוּן תְּפִילוֹת. **הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁרָאקִין פַאר זֵיי.** אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ פַאר אִים אוֹיךְ דֶערְשְׁרָאקִין. הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁטֶעלְט מִתְפַּלֵּל זַיין. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיךְ גִישְׁטֶעלְט מִתְפַּלֵּל זַיין.

**דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט.** וֶוער זֶענְט אִיר. הָאבִּין זֵיי אִים גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶוען כַּנַּ"ל.




**הָאט זִיךְ דֶעמוּלְט דִי וֶועלְט צוּטֵיילְט** אוֹיף כַּמָּה כִּתּוֹת. דִי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן דָאס. אוּן דִי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן דָאס (אַזוֹי וִוי פְרִיר אִיז גִישְׁטַאנֶען דִי אַלֶע כִּתּוֹת) דֶעמוּלְט הָאבִּין מִיר זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבִּין אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר עוֹסֵק צוּ זַיין תָּמִיד אִין תְּפִילָּה צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

**הָאבִּין מִיר זִיךְ גִיזוּכְט.** אוּן מִיר הָאבִּין גִיפוּנֶען אַ בַּעַל תְּפִלָּה. אוּן מִיר הָאבִּין אִים גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ. וִוי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט דָאס דֶערְהֶערְט. אִיז דָאס אִים זֵייעֶר וואוֹיל גִיפֶעלְן. וָוארִין דָאס וִויל עֶר זִיךְ.

**הָאט עֶר מִיט זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין** צוּ שְׁמוּסִין. אוּן הָאט זֵיי גְוִויזִין דֶעם סֵדֶר פוּן זַיינֶע תְּפִילוֹת אוּן זַיינֶע סְפָרִים אוּן זַיינֶע זַאכִין וָואס עֶר הָאט אוֹיף תְּפִילוֹת.

**וִוי זֵיי הָאבִּין דֶערְהֶערְט** זַיינֶע רֵייד. הָאבִּין זִיךְ זֵיי דִי אוֹיגִין גִיעֶפִינְט. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה.

**הָאבִּין זֵיי אִים תֵּיכֶף** גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּר זִיךְ. וָוארִין זֵייעֶר מֶלֶךְ הָאט אִים מוֹחֵל גִיוֶוען דִי מְלוּכָה. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מַאן.

**הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה** מִיט זֵיי גִילֶערְנְט. אוּן הָאט זֵיי גִיעֶפִינְט דִי אוֹיגִין. אוּן הָאט זֵיי גְוִויזְן וִוי אַזוֹי תְּפִלָּה צוּ טָאן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן עֶר הָאט זֵיי גִימַאכְט פַאר זֵייעֶר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים גְמוּרִים. וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ פְּרִיר אוֹיךְ גִיוֶוען צַדִיקִים. וָוארִן זֵיי הָאבִּין זִיךְ עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין תְּפִלָּה.

**לוּשְׁמִיר דֶער בַּעַל תְּפִלָּה** הָאט זֵיי גִיעֶפִינְט דִי אוֹיגִין בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיוָוארִין זֵייעֶר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

נאמען: ____________

# לאמיר זיין פארהערן



## די צוועלעווטע מעשה - דער בעל תפילה (12)

**א. וויאזוי האט דער בעל תפילה פארשטאנען וואו דאס קינד איז ?**
- ☐ ער האט געזעהן די גאלדענע האר
- ☐ ער איז אריבער א ים פון מילך
- ☐ ער איז אריבער די פלאץ פונעם גבור האט ער פארשטאנען אז זיין קינד איז אויך דארטן

**ב. וויאזוי האט דער בעל תפילה פארשטאנען וואו דער מליץ איז ?**
- ☐ ער איז אריבער א ים פון בלוט האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די טרערן פון דעם מליץ
- ☐ ער איז אריבער א ים פון וויין האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די רייד פון דעם מליץ
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וויאזוי האט דער בעל תפילה פארשטאנען וואו דער חכם איז ?**
- ☐ ער האט געזען די יד פונעם מלך
- ☐ ער האט געזעהן א שטיין וואס אויף דעם איז אויסגעקריצט די געשטאלט פון דעם יד
- ☐ ער האט נישט געוואוסט וואו דער חכם איז

**ד. וויאזוי האט דער בעל תפילה פארשטאנען וואו דער ממונה על האוצרות איז ?**
- ☐ דורך די גאלדענע טישעלעך - קרידענצן – און די אוצרות פון מלך
- ☐ דורך די גאלדענע האר
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וועלכע זאך פון גבור האט דער בעל תפילה געזען?**
- ☐ די שווערד
- ☐ די בויגן
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס האט דער בעל תפילה געוויזן פאר די מענטשן?**
- ☐ מורא'דיגע מופתים
- ☐ די סדר פון זיינע תפלות
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האבן זיי געטון ווען זיי האבן געהערט זיינע רייד?**
- ☐ זיי האבן נישט מקבל געווען זיין ווער
- ☐ זיי האבן אים באדאנקט און זיי זענען געגאנגען ווייטער זייער ווער
- ☐ זיי האבן אים געמאכט מלך איבער זיי

**ח. וואס האט דער בעל תפילה געמאכט פון זיי ?**
- ☐ עהרליכע אידן
- ☐ צדיקים
- ☐ זייער גרויסע צדיקים גמורים

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ איינמאל
- ☐ צווימאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**מיר האבן געלערנט די לעצטע צוויי וואכן אז דער בעל תפילה איז אריבער געגאנגען אויף אלע פלעצער פון די אנשי המלך**

**וויפל פלעצער פארציילט דער בעל תפילה אז ער איז אריבער דארט – און אויף וועמען פון די אנשי המלך איז דער בעל תפילה נישט מפרט אז ער איז אריבער דארט ?**

**ביי וועמען פירט אויס דער בעל תפילה אז ער האט נישט גיקענט זוכין און צו גִיפִינֶען?**

**ביי וועמען פירט אויס דער בעל תפילה אז ער נישט גיקענט גִיפִינֶען?**

**וואו ווערט דערמאנט דא אין די מעשה "תורה" ?**

**תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (11)**

וויפיל מאל ווערט דערמאנט ביי די מעשה די וואך דאסווארט "גבור" ? **20**

וויפל מאל ווערט דערמאנט ביי די מעשה "בעלי איברים" ? **פינף**

## דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדֵּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט ווָאס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com